**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי האקול מעלדט נייע גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע צו ליפערן ריינע עלעקטריציטעט איבער די סטעיט

***ענדגילטיגע פארשלאגען פאר גרויסארטיגע לאנד-באזירטע באנייענדע ענערגיע פראיעקטן ערווארטעט אין אגוסט 2024***

***שטיצט פראגרעס צו ערגרייכן ניו יארק'ס קלימאט אקט ציל צו שאפן 70 פראצענט פון איר עלעקטריציטעט פון באנייענדע קוועלער ביז 2030***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א נייע גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע צו ליפערן ריינע עלעקטריציטעט צו ניו יארקער. בויענדיג אויף ניו יארק'ס 10-פונקט פלאן פון שריט, די אנבאט אויפנאמע זיכט פארשלאגן פאר די אנטוויקלונג פון נייע גרויסארטיגע לאנד-באזירטע באנייענדע ענערגיע פראיעקטן וועלכע זענען ערווארטן צו טריבבן ביליאנער דאלאר אין ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען און שאפן טויזנטער פאמיליע-אויסהאלטענדער דשאבס אין די סטעיט'ס גרינע עקאנאמיע. די היינטיגע מעלדונג שטיצט פראגרעס צו ערגרייכן די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און געמיינדע אפהיטן אקט ציל צו שאפן 70 פראצענט פון ניו יארק'ס עלעקטריציטעט פון באנייענדע קוועלער ביז 2030

"ניו יארק בויט א ריינע ענערגיע עקאנאמיע וואס וועט אונז ערלויבן צו דראסטיש פארמינערן עמיסיעס און צו די זעלבע צייט שאפענדיג טויזנטע נייע גוט-צאלענדיגע דשאבס, שטיפן ביליאנער דאלאר אין עקאנאמישע וואוקס און טרייבן אן איינשפריץ פון פריוואטע אינוועסטירונג און אונזער לאקאלע געמיינדעס," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "איינמאל געקליבן, די פראיעקטן וועלן העלפן פארשנעלערן אונזערע מיסיע צו געבן טרייבקראפט פאר אונזער סטעיט מיט צוגענגליך' פארלעסליך, נול-עמיסיע פאר די בענעפיט פון אלע ניו יארקער."

די קאנקוצירענדע אנבאט אויפנאמע, אדמיניסטירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסוירטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט (NYSERDA), איז די לעצטע אין א געפלאנטע סעריע פון אייננהאנדלן לאנד באזירטע גרויסארטיגע באנייענדע פראיעקטן. אלץ א טייל פון די אנבאט אויפנאמע, NYSERDA האט אריינגערעכנט הויפט פארשריפטן פון די לעצטע רונדעס פון באנייענדע ענערגיע אייננהאנדלונגן א שטייגער ווי אינפלאציע אינדעקסינג, ארבעט פארשריפטן, סטעיקהאלדער באשעפטיגונג פאדערונגען, נייע פאדערונגען וואס עמפאזירן די וויכטיגקייט פון קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אין פראיעקט אנטוויקלונג, באנאכלעסיגטע געמיינדע פארפליטונגען, אגריקולטור לאנד אפהיטונג, און פארבינדענע פריאריטעטן צו אנהאלטן די פאליסי צילן אריינגעברענגט אין פריערדיגע אנבאט אויפנאמעס צו פארזיכערן א גלייכע ענערגיע אריבערגאנג. די עלעמענטן זענען אויסגערעכנט אין די אנבאט אויפנאמע דאקומענטן, און זענען דיזיינד צו שטיצן די אנטוויקלונג און אויפבוי פון פולע רייפע, שפעטע-שטאפל באנייענדע ענערגיע פראיעקטן וואס זוכן אנצוהייבן אפעראציעס אין די נאנטע צייט.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "דורך פאראויסריקן לאנד-באזירטע באנייענדע ענערגיע פראיעקטן, ניו יארק טוט גאר שנעל פאראויס ריקן אונזער סטעיט אלץ א פירער אין די אריבערגאנג צו פארלעסליכער און ריינע ענערגיע.NYSERDA בלייבט פארפליכטעט צו פארשטערקערן אונזער באנייענדע ענערגיע פייפליין און ליפערן גרעסערע צאלן פון באנייענדע ענערגיע צו ווייטער שטיצן אונזער גריד פון די צוקונפט."

די פרצעדור פאר אריינגעבן פארשלאגן אין די לאנד-באזירטע באנייענדעס אויפנאמע וועט ווערן אויסגעפירט אין צוויי טיילן, מיט בארעכטיגקייט פאדערונגען ערווארטעט אום **יולי 15, 2024**, צו באשטעטיגן אז אינטערסירטע פראיעקטן זענען בארעכטיגט צו אנבאטן, און ענדגילטיגע פארשלאגן ערווארטעט אום **אגוסט 8, 2024**. מער דעטאלן אויף די לאנד-באזירטע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע זענען ווערילעבל אויף די גרויסארטיגע באנייענדעס אנבאט אויפנאמע בלאט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל. קאנדישאנעל באשענקונג נאטיפיקאציעס צו געוועלטע אנבאטער זענען ערווארטעט אין סעפטעמבער 2024.

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנער ראבערטא ריארדאן האט געזאגט,** "ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר איז נישט נאר איבער שאפן א שטאנדהאפטיגע ענווייראמענט; עס איז אויך איבער בויען א לעבעדיגע און ריזיליענט ענווייראמענט וואס קען בליען אין די גרינע עקאנאמיע. אינטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, אניציאטיוון ווי די גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע זענען גאר וויכטיג אין טרייבן עקאנאמישע וואוקס, בליען אינאוואציע און צושטעלן טויזענטע פאמיליע-אויסהאלטענדע דשאבס."

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון ענווייראמענטאל קאנסערוואציע צייטווייליגע קאמיסיאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "דורך גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, ניו יארק סטעיט גייט אן מיטן פאראויסריקן איר סטראטעגישע עפארטן צו נאכקומען אונזער באנייענדע ענערגיע צילן אינטער די קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט און שאפן די ריינע ענערגיע עקאנאמיע פון די צוקונפט. די היינטיגע מעדלונג דעמאנסטריט די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו פארברייטערן גרויסארטיגע ווינט און סאלאר פראיעקטן און פארמינערן אונזער אנגעוויזנקייט אויף פאסיל פיועל, העלפענדיג צו פארזיכערן א ריינערער און געזונטערע ענווייראמענט פאר קומעדיגע גענעראציעס."

**"ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמיסיאנער ריטשערד א. באלל האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג פון נייע גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע איז א גאר וויכטיגע טריט אין ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע,וועלכע וועט פרעזערווירן אונזער נאטורליכע רעסארסן און העלפן ניו יארק נאכקומען איר הויכ-רייכענדע קלימאט צילן. מיט הויפט פארשריפטן אריינגערעכנט פאר אגריקולטורישע לאנד אפהיטונג, NYSERDA'ס 10-פונקט פלאן וועט העלפן די סטעיט צושטעלן א גרונדט פאר א גרינערע עקאנאמיע ווען אויך פארזיכערן אז אונז שיצן אונזער פארם-לאנד."

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער, סענאט ענערגיע און טעלעקאמיוניקאציעס טשעיר האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס מעלדונג איבער די נייע גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע אנבאט אויפנאמע צייכנט אפ א מערקווירטיגע טריט פאראויס אין ניו יארק'ס פארליכטונג צו א סוסטיינירענדע צוקונפט. דורכן פארשנעלערן אונזער אריבערגאנג צו ווינט און סאלאר קראפט, אונז טוהן נישט נאר פאראויס ריקן צו אונזער הויכ-רייכענדע קלימאט אקט ציל פון 70 פראצענט באנייענדע עלעקטריציטעט ביז 2030, נאר אויך טרייבן עקאנאמישע וואוקס און שאפן גרינע דשאבס איבער די סטעיט. די איניציאטיוו טוט ווידער באשטעטיגן ניו יארק'ס פירערשאפט אין קעמפן קלימאט טויש און שטעלט א מעכטיגע ביישפיל פאר אנדערע סטעיטס נאך צו גיין."

**סטעיט סענאטאר פיטער הארקהאם האט געזאגט,** א דאנק, גאווערנער האקול, פארן אנפירן די אנבאט אויפנאמע צו פאראויסריקן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צילן. די עקזעקעטיוו און לעגיסלאטור ארבעטן צוזאמען צו בויען א סוסטינערדע צוקונפט דורך ריינע באנייענדע ענערגיע. עס איז וויכטיג אנצומערקן אז א קילאוואט פון ריינע ענערגיע איז יעצט ביליגער צו פראדוצירן ווי א קילאוואט פון קארבאן-באזירטע ענערגיע. מיט די גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע פראיעקטן, אונז אדרעסירן קלימאט טויש, שפארן ראטעצאלער געלטער און שאפן נייע גרינע דשאבס."

**אסעמבלימעמבער דעבארה גליק האט געזאגט,** "אזוי ווי די זומער היץ איז שוין אנגעקומען, גארנישט קען מאכן קלארער אז אונז האבן נישט קיין צייט צו פארלירן אין טרייבן מער פון אונזער עלעקטריציטעט פון באנייענדע רעסארסן. איך אפלאודיר גאווערנער האקול פארן נאכגיין אן אגרעסיווע פלאן אונז אוועק צו רוקן פון אונזער אנגעוויזענקייט אויף פאסיל פיועל געטריבענע עלעקטריציטעט. ניו יארק סטעיט זאל ווייטער פירן, און מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג אונז וועלן זעהן די אריבערגאנג צו א ריינערע ענוויראמענט דורך די פארברייטערונג פון באנייענדע ענערגיע."

**אליאנץ פאר ריינע ענערגיע ניו יארק עקזעקעטיווע דירעקטאר מארגועריט וועלס האט געזאגט,** "פריוואטע באנייענדע ענערגיע אנטוויקלער זענען גרייט און וועלענדיג צו אינוועסטירן ביליאנער דאלאר אין ניו יארק, צושטעלענדיג דשאבס און שטייער איינקונפט פאר אונזער לאקאלע מוניציפאליטעטן. אונז ערווארטן פילצאליגע קוואליטעט אנטווארטן צו די RFP, און אונז קוקן ארויס צו NYSERDA שענקענדיג פראיעקטן וואס וועלן ווערן געבויט גאר שנעל צו ברענגן בענעפיטן פאר ניו יארקער די שנעלסטע מעגליך."

**ניו יאר ליגע פון קאנסערוואציע וועלער פרעזידענט דשולי טייע האט געזאגט,** "ווען אונז גיין אריין אין וואס איז ערווארטעט צו זיין נאך א זימער מיט רעקארד ברעכענדע הוץ און לופט קוואליטעט אלערטס, די דרינגענדע נויט צו קעמפן די קלימאט קריזיס איז קיינמאל נישט געווען מער קלאר. עס איז צייט צו אראפ גיין פון פאסיל פיועל און ליפערן ריינע ענערגיע, און די אנבאט אויפנאמע וועט טוהן פונקט דאס. אונז אפלאודירן גאווערנער באקול און NYSERDA אויף די פארשריט, וויל מער לאנד-באזירטע ווינט און סאלאר ענערגיע פראיעקטן מיינט ווינציגער גרינהויז גאז עמיסיעס און בעסערע לופט קוואליטעס פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט AFL-CIO פרעזידענט מאריא קליענטא האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג איז א וויכטיגע טריט צו עררייכן ניו יארקס ריינע ענערגיע צילן. אונז אפלאודירן גאווערנער האקול און NYSDERA פאר פארזיכערן די פראיעקט וועט זיין אויסגעשטעלט צו פרעצעדענט-שטעלענדער לעיבאר סטאנדארטן און שיצן. אונז קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו פארזיכערן מאקסימום אליקאציע פון די סטאנדארטן אזוי אויך דאמעסטישע און ניו יארק אינהאלט פאדערונגען און בעפארציגן אזוי אז אונז שאפן פאמיליע-אויסהאלטענדע קאריערעס ווען בויענדיג ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט בויען טרעידס פרעזידענט גערי לאבארבערא האט געזאגט,** "ווען ניו יארק גייט ווייטער נאך די ענערגיע צילן ארויסגעשטעלט דורך די CLCPA, אונז מוזן ווייטע שטיפן פאראויס גרויסארטיגע ווינט און סאלאר דיוועלאפמענטס וואס טרייבן טויזנטער פאמיליע- אויסהאלטענדע יוניאם קאריערערס און עקאנאמישע סטימילוס און אונזער לאקאלע געמיינדעס. אונז אפלאודירן גאווערנער האקול פארן ווייטער פארואויסשטיפן די אניציאטיוון וואס וועלן שטיצן די ליפערונג פון פארלעסליכע, באנייענדע ענערגיע צו מער ניו יארקער און פארבעסערן די לעבן איינצעלהייטן אין אונזער סטעיט פאר גענעראציעס וואס קומען. אונזער מיטגלידער קוקן ארויס צו האבן די געלעגענהייט צו אנטייל נעמען אין די פראיעקטן און נאכגיין די וועגן צו די מיטל קלאס זיי פלאסטערן פאר זיי."

**נאציאנאלע רעסארס פארטיידיגונג קאונסיל דירעקטאר דשעקסאן מאריס האט געזאגט,** "די ארויסלאזן אין גאנג פון די 2024 אנבאט אויפנאמע פראצעדור פאר נייע גרויסארטיגע באנייענדע ענערגיע פראיעקטן, מיט פארשלאגן ערווארטעט אין אגוסט 2024, בויט אויף די מאמענטום פון די סוקסעספולער אויסערן-ברעג ווינט שענקענישן פאר עצפייר ווינט 1 און סאנרייז ווינט און שטעלט צו א וויכטיגע געלעגנהייט צו ערזעצן אפגערופענע פראיעקטן אזוי אז ניו יארק בלייבט אויף די שינעס נאכצוקומען אונזער הויעכ-רייכענדע ציל פון 70% באנייענדע עלעקטריציטעט ביז 2030. פארשנעלערן די באנייענדע פראיעקטן טוט אינטערשטרייכן ניו יארק'ס פארפליכטונג צו א ריינע ענערגיע צוקונפט און וועט ברענגען ריינערע לופט, בעסערע דשאבס און א געזונטערע ענווייראמענט פאר אלע ניו יארקער."

**אמעריקאנער ריינע טרייבקראפט דירעקטאר פון מזרח סטעיט אנלעגענהייטן דירעקטאר מוירא סייפערס האט געזאגט,** "אונז קאמענדירן NYSERDA פאר זייער אנטווארטליכקייט און פרא-אקטיוו באמיונגען צו האלטן ניו יארק סטעיט'ס ריינע ענערגיע צילן אויף די שינעס. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט איז גאר וויכטיג אין טרייבן סיגניפישע פארשריט צו פארשנעלערן דאס שאפן פון ריינע ענערגיע וואס וועט ציען נייע אינוועסטירונג גלעגענהייטן און שאפן גוט-באצאלענדע דשאבס איבערן סטעיט."

**סיטיזענס קאמפיין פאר אנווייראנמענט עקזעקיוטיוו דירעקטאר אדריאן עספאסיטא האט זאגט,** "גאווערנער האקול'ס פרייליכע מעלדונג אנז נאך א שטופ פאר ניו יארק'ס באנייענדע ענערגיע סעקטאר! אונז וועלן נאכקומען די סטעיט'ס באנייענדע ענערגיע קלימאט אקט צילן נאר דורכן פאראויס ריקן נייע גרויסארטיגע ווינט און סאלאר פראיעקטן. די וואך'ס הוץ כוואליע אינמיטן יוני איז נאר א קלארער אנווייזונג אויף קלימאט טויש ווירקונגען איבער ניו יארק, די אורזאך דערצו איז אונזער אנגייענדע זיך פארלאזן אויף שמוציגע פאסיל פיועלס. אונז מוזן אריבערפירן אונזער ענערגיע פראדוקציע און לאנד באזירטע ווינט און סאלאר ענערגיע פראיעקטן זענען א הויפט באשטייינדל פון די אריבערגאנג. די היינטיגע מעלדונג טוט ביישפילן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו צושטעלן ריינע צוגענגליכע ענערגיע פאר אלע איינוואוינער ווען קעמפען קלימאט טויש, שטיצן די עקאנאמיע און שאפענדיג טויזענטע גרינע דשאבס. ניו יארק'ס ריינע ענעריגע צוקונפט קוקט אויס ווי עס שיינט שטארק."

**ניו יארק'ס סאלאר ענערגיע אינדוסטריען פארבאנד עקזעקעטיווע דירעקטאר נואה גינסבורג האט געזאגט,** "ווען ניו יארקער איבער די סטעיט מיטשענען זיך מיט עקסטרעמע היצן און העכערע עלעקטריציטעט בילס, פארשנעלערן באנייענדע ענערגיע באנוצונג איז קיינמאל נישט געווען מער וויכטיג. ניו יארק סאלאר ענערגיע אינדוסטריען טוט אפלאודירן NYSERDA און גאווערנער האקול פאר זייער פארפליכטונג צו ערגרייכן די ריינע ענערגיע און אייניגקייט מאנדאטן אין די קלימאט אקט. פארבעסערן סאלאר באנוצונג איז א גרונד צו ניו יארק'ס ענערגיע אריבערגאנג, און אונזער מיטגלידער קאמפעניס און סאלאר ארבעטסקראפט שטיין גרייט."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויינגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (-New York Cap and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן

עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן